**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/9/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט 13.3 מיליאן דאלאר געשאנקען פאר קאנסטרוקציע פון עמערדזשענסי און פערמאנענטע שטיצנדע האוזינג

***פראיעקטן שטרייכן אונטער די נויט פאר א רייע פון האוזינג אפציעס צו ארויסהעלפן ניו יארקער וועלכע גייען אריבער היימלאזיגקייט***

***גאווערנער'ס עקזעקיוטיוו בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024 זעצט פאר 128 מיליאן דאלאר אין יערליכע פינאנצירונג פאר היימלאזע האוזינג און הילף פראגראם***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז מער פון 13.3 מיליאן דאלאר איז געשאנקען געווארן צו העלפן פארברייטערן און אויפהאלטן עמערדזשענסי און פערמאנענטע שטיצנדע האוזינג פאר מענטשן און פאמיליעס וועלכע גייען אריבער היימלאזיגקייט. די געלטער זענען געשאנקען געווארן פאר פראיעקטן וועלכע וועלן אויפבויען 51 אפארטמענטס אין די בראנקס און א נייע 80-בעטן עמערדזשענסי שעלטער פאר פאמיליעס אין ערי קאונטי. געלטער זענען אויך געשאנקען געווארן צו העלפן מאכן פארערכטונגען צו עקזיסטירנדע עמערדזשענסי שעלטערס אין אָניידע און שעטאַקווע קאונטיס.

"די פארשידנארטיגע פראיעקטן וועלן פארברייטערן צוטריט צו האוזינג פאר צוגענגליכע פרייזן, בשעת'ן העלפן צושטעלן זיכערע און פארזיכערטע היימער פאר טייל פון אונזערע שוואכסטע ניו יארקער", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איינמאל די געביידעס וועלן זיין פארענדיגט וועלן זיי העלפן אריינברענגען סטאביליטעט אין די לעבנס פון אונזערע ניו יארקע שכנים וועלכע גייען אריבער היימלאזיגקייט — העלפנדיג זיי בויען א יסוד פאר א בעסערע צוקונפט."

די פינאנצירונג קומט דורך די אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף'ס ( Office of Temporary and Disability Assistance) היימלאזע האוזינג און הילף פראגראם ( Homeless Housing and Assistance Program, HHAP) וואס איז א וויכטיגע באשטאנדטייל פון גאווערנער האקול'ס ברייטע פלאן צו מאכן האוזינג גרינגער זיך צו ערלויבן, גלייכער און מער סטאביל אריבער גאנץ ניו יארק. די דורכגעפירטע סטעיט בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2023 האט אריינגערעכנט די גאווערנער'ס 25 ביליאן דאלארדיגע, פינף-יאריגע, ברייטע האוזינג פלאן צו פארגרעסערן די האוזינג סופליי דורכן בויען אדער אויפהאלטן 100,000 היימער איבערן סטעיט, אריינרעכענענדיג 10,000 מיט שטיצנדע סערוויסעס פאר שוואכערע באפעלקערונגען, און אויך דאס אריבערפירן נאך 50,000 היימער צו נוצן עלעקטריציטעט.

די גאווערנער'ס עקזעקיוטיוו בודזשעט פאר די פיסקאלע יאר 2024 רעכנט אריין די 'ניו יארק געדיכטע האוזינג' (New York Housing Compact) פלאן, א סטראטעגיעפאר די גאנצע סטעיט צו אדרעסירן ניו יארק'ס האוזינג קריזיס דורכן בויען 800,000 נייע הייזער איבער די קומענדיגע צען יאר צו נאכקומען די היסטארישע מאנגל. די עקזעקיוטיוו בודזשעט זעצט פאר 128 מיליאן דאלאר אין אינפראסטרוקטורישע פינאנצירונג פאר דעם היימלאזע האוזינג און הילף פראגראם.

די פראיעקטן וואס האבן באקומען פינאנצירונג רעכענען אריין:

- **The Salvation Army** איז געשאנקען געווארן 10 מיליאן דאלאר צו העלפן אויפבויען 32 יוניטס, אריינרעכענענדיג 80 בעטן אין עמערדזשענסי הייזער פאר היימלאזע פאמיליעס אין באפעלאו. די נייע שעלטער וועט ערזעצן די עקזיסטירנדע שעלטער מיט 77 בעטן פון די Salvation Army וואס געפונט זיך אויף אן אנדערן שטח, אזוי אז קיין איינער פון די איינוואוינער וועלן נישט בלייבן אן א דאך דורכאויס קאנסטרוקציע. די ערשטע שטאק פון די נייע געביידע וועט האבן אדמיניסטראטיווע און שטיצע סערוויסעס אפיסעס און איינריכטונגען צו וואשן וועש.

- **.The Bridge, Inc** איז צוגעטיילט געווארן 3.1 מיליאן דאלאר צו העלפן אויפבויען 51 יוניטס פון פערמאנענטע שטיצנדע האוזינג אין די בראנקס פאר 12 שוואכערע און עלטערע מענטשן און 39 מענטשן וועלכע לעבן מיט גייסטישע געזונטהייט פראבלעמען — אלע פון וועלכע זענען אריבער תקופות פון היימלאזיגקייט. שטיצע סערוויסעס וועלכע וועלן צוגעשטעלט ווערן פאר די איינוואוינער רעכענען אריין קעיס מענעדזשמענט, קריזיס אינטערווענץ, בילדונג און דזשאב טרענירונג סערוויסעס און אקטיוויטעטן פון טרענירונג פאר סקילס פאר די טאג-טעגליכע לעבן, צווישן אנדערע.

- **Rescue Mission of Utica** איז צוגעטיילט געווארן $100,000 צו מאכן עמערדזשענסי פאררעכטונגען צו איר עמערדזשענסי שעלטער פון 59 בעטן אין יוטיקע, אריינרעכענענדיג ערזעצן פענסטערס, ארבעט אויף די דרויסנדיגע ציגל און פארבן די דרויסנדיגע ווענט פון די געביידע.

- **United Christian Advocacy Network City Mission** איז צוגעטיילט געווארן $100,000 צו ערזעצן א פארעלטערטע הייצונג סיסטעם ביי איר עמערדזשענסי שעלטער פון 17 יוניטס און 29 בעטן אין דזשעימסטאון.

**אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף קאמישאנער, דעניעל וו. טיעץ, האט געזאגט,** "דער היימלאזע האוזינג און הילף פראגראם שפילט א וויכטיגע ראלע אין די דעוועלאפמענט פון פערמאנענטע שטיצענדע הייזער, אבער עס שטעלט אויך צו די אינפראסטרוקטורישע פינאנצירונג וואס איז קריטיש צו קענען אויפבויען, איבערבויען און פאררעכטן עמערדזשענסי שעלטערס. גאווערנער האקול איז אנטשלאסן צו אדרעסירן די היימלאזיגקייט און האוזינג קריזיס אין ניו יארק, און אזעלכע פראיעקטן זענען פונדאמענטאל צו די באמיאונגען."

**The Salvation Army of Erie County דירעקטארין פון אפעראציעס, מעידזשאר אנעט לאַק, האט געזאגט,** "The Salvation Army in Buffalo איז דאנקבאר פאר די געלעגנהייט צו ארבעטן בשותפות מיט גאווערנער האקול, די אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף און מיט אונזערע קאמיוניטי שטיצע צו אויפבויען די Hope on Main עמערדזשענסי פאמיליע שעלטער. די איינריכטונג וועט צושטעלן א זיכערע, פארזיכערטע און האפנונגספולע פלאץ וואו שוואכערע פאמיליעס וועלן נישט נאר האבן א ווארעמע בעט און נאהראפטיגע מאלצייטן, נאר וואו זיי וועלן קענען צוקומען צו א פולע רייע פון סערוויסעס וועלכע זענען נויטיג זיך צו אויפהייבן פון קריזיס צו סטאביליטעט. פינאנצירונג פאר די קאנסטרוקציע פון די נייע צענטער פון דעם היימלאזע האוזינג און הילף פראגראם וועט פארזיכערן די פארזעצונג פון די Salvation Army'ס זעכציג יאריגע טראדיציע פון שטיצן ערוואקסענע און קינדער אן גענוג מיטלען אין ערי קאונטי אויף זייער רייזע צו טרעפן פערמאנענטע, סטאבילע האוזינג."

**The Bridge, Inc. סיניאר וויצע פרעזידענט פאר האוזינג דעוועלאפמענט, קעראל גארדאן, האט געזאגט,** "The Bridge אפלאדירט די באמיאונגען פון די גאווערנער און פון דעם היימלאזע האוזינג און הילף פראגראם צו אדרעסירן היימלאזיגקייט, די נויט פאר האוזינג פאר צוגענגליכע פרייזן און די וויכטיגקייט פון די סטעיט געלטער. די געלטער וועלן אונז העלפן צושטעלן פאר שוואכערע ניו יארקער זיכערע הייזער פאר צוגענגליכע פרייזן און סערוויסעס וועלכע וועלן אדרעסירן לאנג-טערמיניגע היימלאזיגקייט פאר ערוואקסענע מיט ערנסטע גייסטישע געזונטהייט פראבלעמען און שוואכע/דיסעיבעלד עלטערע מענטשן. אין צוגאב צו די 51 פערמאנענטע שטיצנדע יוניטס פאר געוועזענע היימלאזע ערוואקסענע מיט ספעציעלע געברויכן וואס די HHAP געלטער וועלן אויסהאלטן, וועט די געביידע אויך האבן פלאץ פאר 14 עלטערע מענטשן פון די קאמיוניטי מיט זייער נידעריגע איינקונפט וועלכע זענען אין סכנה פון היימלאזיגקייט. מיר קוקן ארויס צו אנהויבן קאנסטרוקציע קורצליך."

**Rescue Mission of Utica, Inc. עקזעקיוטיוו דירעקטארין, ווענדי ר. גאָועץ, האט געזאגט,** " The Rescue Mission of Utica איז גאר דאנקבאר פאר גאווערנער האקול'ס איבערגעגעבנקייט צו צושטעלן פינאנצירונג צו העלפן פארברייטערן און אויפהאלטן עמערדזשענסי און פערמאנענטע שטיצנדע האוזינג פאר מענטשן וועלכע גייען אריבער היימלאזיגקייט. די געלטער וועלן אונז ערלויבן צו מאכן גאר נויטיגע פאררעכטונגען צו אונזער שעלטער פון 59 בעטן."

**United Christian Advocacy Network City Mission עקזעקיוטיוו דירעקטאר, ערען וואַדין, האט געזאגט,** "די גרענט פון דעם היימלאזע האוזינג און הילף פראגראם ווערט גענוצט צו ערזעצן אונזער אור אלטע הייצונג סיסטעם פאר אונזער היימלאזע שעלטער פאר מענער. דאס איז א געוואלדיגע ברכה און אן ענטפער צו די תפילות אזוי ווי עס ערלויבט אונז צו פארזעצן צו דינען אונזערע געסט אין א ווארעמע שעלטער דורכאויס די ווינטער חודשים, ווי אויך צו צושטעלן עיר קאנדישאנינג אין די געביידע, צום ערשטן מאל אין די היסטאריע פון די מיסיע דא אין דזשעימסטאון דורכאויס די הייסע זומער חודשים."

דער היימלאזע האוזינג און הילף פראגראם שטעלט צו אינפראסטרוקורישע גרענטס און הלוואות פאר וואוילטעטיגע קארפארעישענס, וואוילטעטיגע און רעליגיעזע ארגאניזאציעס און לאקאלע רעגירונגען צו קענען איינקויפן, אויפבויען אדער איבערבויען הייזער פאר מענטשן וועלכע קענען זיך נישט פארשאפן פאסיגע האוזינג אן ספעציעלע הילף. די גרענטס ווערן פארטיילט דורך א פראצעדור וואס וועהלט אויס די בעסטע פראיעקטן דורך דעם ניו יארק סטעיט היימלאזע האוזינג און הילף קארפארעישען, א פובליק בענעפיט קארפארעישען מיט ארבייטער פון די אפיס פון ציטוויייליגע און דיסאביליטי הילף.

דורך דעם פראגראם האט ניו יארק סטעיט צוגעטיילט מער פון 1.5 ביליאן דאלאר צו דעוועלאפען שטיצנדע האוזינג. אין סך הכל האט דער פראגראם אויפגעבויט מער פון 25,000 האוזינג יוניטס צו שטיצן מענטשן און פאמיליעס וועלכע גייען אריבער היימלאזיגקייט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן